**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:05
מוצאי שבת קודש...........8:34

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................שמואל-ב ג'
בבלי........................חולין קכ"ח
ירושלמי....................שבועות י'
תוספתא...................סנהדרין י"א
רמב"ם....................אישות ט'


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נצבים וילך, כ"ג אלול, אבות פרק ה-ו, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 48 (765)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, הָאט עֶר דֶעם גַן עֵדֶן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. וַוייל אַפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ צָרָה, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם, שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאב נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר אוּן עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶר הָאבְּן דֶעם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ ב')

**וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז') אַז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט זֵיי, אוּן אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס, הָאט עֶר שׁוֹין אַ גוּט לֶעבְּן. אִין יֶעדְן מַצָּב וָואס עֶר אִיז, הָאט עֶר זִיךְ צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, לָאזְט עֶר אִיבֶּער סְפָרִים אוּן תַּלְמִידִים וָואס זָאלְן דָאס וַוייטֶער לֶערְנֶען פַאר אִידְן, אַזוֹי אַז דִי דַעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִיק בְּלַייבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ מִיט דֶעם שְׁטַארְקְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מֹשֶׁה גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל, רֶעדְט עֶר נָאךְ אַלְץ צוּ דִי אִידְן, וַוייל זַיין תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי אִידְן אִיז נָאךְ אַלְץ דָא אוּן מֶען לֶערְנְט דֶערִין.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְלִיחוֹת

דִי 'סְלִיחוֹת טֶעג' זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע טֶעג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה – אַלֶע דִינִים; מִיטְן זָאגְן 'סְלִיחוֹת' אוּן מִיטְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יָאר – נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים אוּן מֶען שְׁטָאפְּט צוּ דִי מוֹיל פוּן דִי מְקַטְרְגִים; וַוייל זֵיי שְׁטֵייעֶן טָאג אוּן נַאכְט אוּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וואוּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ – בְּרֶענְגֶען זֵיי דָאס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוּן מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע מַצָּב, אוּן וֶוען דֶער אִיד קוּמְט זָאגְן 'סְלִיחוֹת' אוּן זָאגְט: "'סְלַח לָנוּ אָבִינוּ', פַארְגֶעבּ מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'כִּי בְּרֹב אִוַּלְתֵּנוּ שָׁגִינוּ', וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאנַארִישְׁט אוּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת; אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶכְט וִויל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ נָאר אַ יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיךְ נַארִישׁ" – וֶוערְן אַלֶע מְקַטְרְגִים פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מוֹיל, אוּן דִי גַאנְצֶע מַצָּב וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר וואוּיל, אַלֶע וִוילְן זַיין גוּט, מֶען פַאלְט נָאר אַרָאפּ פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם לַאנְגְן גָלוּת אִין וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי טִיף פַארְזִינְקֶען.

וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער: "פְּנֵה נָא אֶל הַתְּלָאוֹת וְאַל
<<<<<<

## א גוט ווארט

אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין בַּיי יֶעדְן אִיד, וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דַארְף אָנְכַאפְּן אַ פַּחַד 'וָואס גֵייט מֶען מִיר דַן זַיין דֶעם יוֹם הַדִין?' מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט זָאגְן תְּהִילִים, מִיט טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אוּן פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי פַּחַד - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן, מִיט דִי מִצְווֹת אוּן מִיט דִי אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִרְאָה אוּן מִיט אַהֲבָה, מִיט פָארְכְט אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, עֶס מוּז גֵיין בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ג') דֶער סֵדֶר אִין דִי וֶועלְט אִיז, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מִשְׁפָּט טוּט זִיךְ אָן שְׁוַוארְץ אוּן לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן זַיינֶע הָאר, עֶר גֵייט צוּם מִשְׁפָּט טְרוֹיעֶרִיגֶערְהֵייט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען וֶועט אִים מִשְׁפָּטִ'ן, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל אֵינָן כֵּן", אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה - טוּעֶן נִישְׁט אַזוֹי, "אֶלָּא לוֹבְשִׁים לְבָנִים", זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן שֵׁיינֶע וַוייסֶע קְלֵיידֶער, מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ד)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אֵיין קְרֶעכְץ, אֵיין וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז
אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס בְּלָאזְט שׁוֹין דִי סְלִיחוֹת ווִינְטְל, עֶס כַאפְּט אַ טְרֵייסְל אִין אַלֶע בֵּיינֶער, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן בַּיים טַאטְן אִין הִימְל עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ אַ טְשַׁאנְס מִיר זָאלְן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

נָאךְ שְׁמַע קוֹלֵנוּ זָאגְט מֶען ווִידּוּי אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דִי זִיסֶע תְּפִילָה פוּן 'עֲשֵׂה לְמַעַן אֲמִתָּךְ', מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶף בֵּית, אוּן אוֹיךְ דִי זִיסֶע תְּפִילָה פוּן 'עֲנֵנוּ', דָאס אִיז גָאר שֵׁיינֶע תְּפִילוֹת, ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיף דִי אַלֶף בֵּית אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּטֶע יָאר מִיט גוּטֶע גְזֵירוֹת, אוּן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

שַׁאץ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער, אוּן זַיי נִישְׁט בֵּיי זִיךְ יֶעצְט אַן עָנָיו אַז דַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְד, אָדֶער טְרַאכְטְן אַז וָואס זֶענֶען שׁוֹין מַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוען אַזוֹיפִיל אִידְן בֶּעטְן שׁוֹין, אוּן אַזוֹיפִיל צַדִּיקִים דַאוֶועֶנען וְכוּ' וְכוּ'; בְּרוּדֶער, דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען טְרֵיף פָּסוּל, דָאס אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, וָואס ווִילְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען, זֵיי קוּמֶען צוּם מֶענְטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען מִיט מַחְשָׁבוֹת פוּן עֲנָוָה פְּסוּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טְרַייבּ אַוֶועק דִי טְרֵיפָה'נֶע מַחְשָׁבוֹת, גְלֵייבּ אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען לוֹחֵם מִיט דִי סִטְרָא אַחְרָא, זֵיי זָאגְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת - קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס לִיבְשַׁאפְט, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט אוּן יֶעדֶע קְרֶעכְץ, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט אַ קְרוֹין כִּבְיָכוֹל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צַדִּיקִים הָאבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶועןן אַז אַמָאל אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים טוּעֶן אַלֶעס דָאס מְבַטֵּל צוּ זַיין, אוּן זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין וֶועג דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן, בִּיז עֶס קוּמְט אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן גֶעבְּט אֵיין קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט אֵיין וָוארְט, מִיט אֵיין שְׁרֵיי: "טַאטֶע, הֶעלְף!" וֶוערְט צוּרִיסְן דִי גְזֵירוֹת אוּן עֶס קוּמְט אַ יְשׁוּעָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

נד. מִי שֶׁמְּזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, נַעֲשֶׂה שֻׁתָּף לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית. וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַ רַבִּים, וֶוערְט אַ שׁוּתָּף מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי בַּאשַׁאף פוּן דִי וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט <<<<<<

לַחֲטָאוֹת" – זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיס'טַעֲנָה'ן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק דִי מִיטְמַאכֶענִישְׁן פוּן עַם יִשְׂרָאֵל, ווִי מֶען הַרְגְ'עֶט אוּנְז, מֶען פַּיינִיגְט אוּנְז, שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר, 'וְאַל לַחֲטָאוֹת', אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד, קוּק ווִי מִיר בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה, 'וּבְכָל זֹאת שִׁמְךָ לֹא שָׁכָחְנוּ', מִיר בְּלַייבְּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר אוּן צוּ דִי אֱמוּנָה"; ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט דִי 'סְלִיחוֹת' מִיט כַּוָּונָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען

וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי 'סְלִיחוֹת' זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אִין אִידִישׁ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער גֶעדֶענְק אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף דָאס קוּמֶען פוּן שִׂמְחָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קעה), בְּכִיָּ"ה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, יז): "בְּ'שִׁמְךָ יְ'גִילוּן כָּ'ל הַ'יּוֹם", מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס אוּנְזֶער גֶעוֵויין אוּן נֶעמְט אָן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת.

וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער – דַארְף מֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הַקְדָּמָה), אַז דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אַז מֶען וֵויינְט; אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת יב:) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ו): "וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה, וַתַּחְמֹל עָלָיו, וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה", וֶוען מֶען זֶעט אִין הִימְל אַ אִיד וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט סְלִיחָה וּמְחִילָה, זָאגְט מֶען: דָאס אִיז אַ אִיד, 'וַתַּחְמֹל עָלָיו', אוּן מֶען דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף אִים.

אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דְרִיקְן צוּ וֵויינֶען, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת: 'וֶוען גֵיי אִיךְ שׁוֹין וֵויינֶען? וֶוען גֵייט שׁוֹין קוּמֶען אַ טְרֶער?' דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דָאס אִיז אוֹיךְ מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צה), בַּיים דַאוֶוענֶען זָאל מֶען נָאר טְרַאכְטְן פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֵויינֶען – אִיז גָאר גוּט, אוּן אַז נִישְׁט – טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם.

### י"ג מִידּוֹת

וֶוען מֶען זָאגְט 'סְלִיחוֹת' אוּן מֶען גֵייט נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי י"ג מִידּוֹת שֶׁל רַחֲמִים זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן מִידּוֹת שֶׁל רַחֲמִים, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז:): "בְּרִית כְּרוּתָה לְי"ג מִדּוֹת שֶׁאֵינָן חוֹזְרוֹת רֵיקָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ בּוּנְד אַז וֶוען אִידְן זָאגְן דִי דְרַייצְן מִידּוֹת שֶׁל רַחֲמִים נֶעמְט מֶען אָן זֵייעֶר גֶעבֶּעט; דֶערְפַאר, יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען זָאגְט: "קֵל הוֹרֵיתָ לָנוּ לוֹמַר שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה, וּזְכָר לָנוּ הַיּוֹם בְּרִית שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה" וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן מִיטְן סְפֶּעצִיעֶלְן תְּנוּעָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז: 'גֶענוּג אִיז גֶענוּג, עַד כַּאן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת', אוּן זָאג צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דַיינֶע אַלְטֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, דוּ גֵייסְט שׁוֹין זַיין גוּט, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר פַארְשְׁרַייבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה, אַ גוּטֶע יָאר, אַ יָאר פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אַ יָאר פוּן דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אַ יָאר פוּן עוֹסֵק זַיין אִין טוּן חֶסֶד אוּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, חֲדָרִים, יְשִׁיבוֹת, כּוֹלְלִים.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוֹעֵל'ן וָואס מֶען דַארְף פוֹעֵל'ן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן 'סְלִיחוֹת', אוּן וַוייטֶער, דִי יָמִים נוֹרָאִים – דֶעמָאלְט אִיז אַן עֵת רָצוֹן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען פוֹעֵל'ן וָואס מֶען קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט פוֹעֵל'ן; ווָאוֹיל אִיז דֶעם

<<<<<<

<<<<<< מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

## וֶוער וֶועט לֶעבְּן?

וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי 'סְלִיחוֹת' זָאלְסְטוּ זִיךְ פַאר אַ סֶעקוּנְדֶע פַארְמַאכְן דַיינֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְט לְמָשָׁל דוּ שְׁטֵייסְט אִין גֶערִיכְט זַאל, אוּן דֶער שׁוֹפֵט הָאט אִין זַיין הַאנְט דִי הַאמֶער מִיט וָואס עֶר גֶעבְּט אַ קְלַאפּ אוּן פַּסְקְ'נְט אָדֶער חַיָּיב אָדֶער זַכַּאי, אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וֵוייךְ מַאכְן זַיין הַארְץ מִיט אַפָּאר טְרֶערְן; וָואלְסְטוּ זִיכֶער אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר רַחְמָנוּת...

אִיז דָאךְ זִיכֶער יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין, וֶוען מֶען גֵייט יֶעדְן אֵיינֶעם מִשְׁפָּטְ'ן: 'מִי יִחְיֶה', וֶוערְט וֶועט לֶעבְּן, 'וּמִי יָמוּת' וְכוּ', 'וּמִי יֵעָנִי', וֶוער וֶועט דִי יָאר פַארְלִירְן זַיין גֶעלְט, 'וּמִי יֵעָשֵׁר', וֶוער וֶועט דִי יָאר רַייךְ וֶוערְן; אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גֶעבְּט אוּנְז דִי פָּאר טֶעג צוּ זָאגְן 'סְלִיחוֹת'; דַארְפְן מִיר זִיכֶער בֶּעטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן מַרְבֶּה זַיין בִּסְלִיחוֹת, אַז מֶען זָאל אוּנְז פַּסְקְ'עֶנֶען פַאר אַ גוּט יָאר; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, וָואס וֶועט זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר מִיט אִים, מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי בַּאקַאנְטֶע, אוּן מִיט אַפָּאר אֶמֶתְ'עֶ דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן - קֶען מֶען אָפְּוֵוישְׁן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן צֶערַייסְן דִי גְּזַר דִין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי 'סְלִיחוֹת טֶעג' מִיט תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע יָאר, פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

## שְׁמַע קוֹלֵנוּ

בַּיי שְׁמַע קוֹלֵנוּ וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ זָאלְסְט זִיךְ פַארְדֶעקְן דִי פָּנִים מִיטְן סְלִיחוֹתְ'ל אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ מִלְּפָנֶיךָ וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל תִּקַּח מִמֶּנּוּ" – זָאלְסְטוּ זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וַוארְף מִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִיר, אוּן נֶעם נִישְׁט אַוֶועק דָאס בִּיסְל קְדוּשָּׁה וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ, אוּן וִויל נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ לְעֵת זִקְנָה" - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן דַיין הַארְץ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַן אַלְטֶער חָסִיד, אִיךְ וִויל זַיין נַיי גֶעבּוֹירְן, אִיךְ וִויל זַיין וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס הֵייבְּט דִיךְ אָן דִינֶען, אִיךְ צִיטֶער פוּן וֶוערְן אַלְט אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן"; וַוייל אַלְט מֵיינְט מֶען נִישְׁט אַלְט אִין יָארְן, אַלְט מֵיינְט מֶען 'יִאוּשׁ', אוּן בַּיי וֶוערְטֶער: "אַל תַּעַזְבֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ" – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אַז דוּ הָאסְט אוּנְז פַארְלָאזְט, 'אַל תִּרְחַק מִמֶּנּוּ' – אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט וַוייט, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען טָאג אוּן נַאכְט אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר אוּן דוּ בִּיסְט אִין מִיר".

בִּכְלַל אִיז גוּט אַרַיינְצוּפְלֶעכְטְן אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, תְּפִלּוֹת וָואס קוּמְט פוּן הַארְץ, אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ תְּפִלָּה; אַ תְּפִלָּה וָואס קוּמְט פוּן הַארְץ אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע תְּפִלָּה.

<<<<<<



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וֶוער הָאט גֶעוָוארְפְן דֶעם טֶעלֶער?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ זֶע בֵּיי מִיטָאג וִוי אַ אִינְגְל וַוארְפְט אַ טֶעלֶער עֶסְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִינְגְל, הָאבּ אִיךְ אִים גֶע'קַנְסְ'ט עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ בֵּיי הַפְסָקָה, נָאךְ אַ מִינוּט צְוֵויי וָואס עֶר זִיצְט, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז זִיכֶער אַז מֶען קֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט, דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ אִיבֶּערְפְרֶעגְן דֶעם קִינְד, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט עֶס גֶעוָוארְפְן, כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ עֶס דָאךְ אַלֵיין גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט נָאר גֶעהַאלְטְן דֶעם טֶעלֶער אוּן דֶער קִינְד וָואס זִיצְט קֶעגְן אִיבֶּער הָאט עֶס גֶעשְׁטוֹיסְן פוּן אוּנְטֶערְן טִישׁ, רוּף אִיךְ צוּ דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים, "דוּ הָאסְט גֶעשְׁטוֹיסְן דֶעם טֶעלֶער?", זָאגְט עֶר מִיר, "יָא, עֶס אִיז גֶעוֶוען בְּטָעוּת"...

אִיךְ וִויל אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וִויסְן אַז דִי דְרָשׁוֹת טוּעֶן אוֹיף.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ'ער מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט זַיין אַ מְלַמֵּד; אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד, אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מְלַמֵּד וִוי מֶען קוּקְט דָא, אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

נֶעם זִיךְ פָּאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ גֶעבְּן אַ קְנַס אָדֶער אַ פְּסַק אֵיידֶער דוּ הֶערְסְט אוֹיס דֶעם תַּלְמִיד וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים א, טז), פַאר אַ דַיָּין, אַ רָב, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט דֶערְצֵיילְן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער אִיז אַ גַנָּב, אַ רוֹצֵחַ וְכַדוֹמֶה - דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, נָאר 'שָׁמוֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם', מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן יֶענֶעם, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְהֶערְן אֵיידֶער מֶען פַּסְקְנְ'ט אוּן מֶען גֶעבְּט אַ קְנַס.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט; אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָאס אַזוֹי וִויכְטִיג, וַוייל דִי נִסָּיוֹן הַדוֹר אִיז נִישְׁט קַיין חֲקִירוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן אַמָאל, דִי נִסְיוֹנוֹת הַדוֹר אִיז אַז דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים דַארְפְן אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט, מֶען דַארְף זֵיי וַוייזְן אַז דִי לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, דִי לֶעבְּן פוּן דִי תּוֹרָה - אִיז אַ לִיבְּלִיכֶע וַוארֶעמֶע זַאךְ, אוּן נָאר דֶער וָואס הִיט דִי תּוֹרָה הָאט אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשפ"ו)

# העפטיגע הכנות אין אומאן לקראת ראש השנה תשפ"ז הבעל"ט

יעצט, אז מיר האלטן שוין סוף חודש אלול, קען מען ממש טאפן די התרגשות אין די לופט. יעדער איינער פון אנשי שלומינו מורמלט א תפילה צום אייבערשטן מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, איבערצוקומען אלע שוועריגקייטן און מניעות, כדי צו קענען שטיין אין די ד' אמות פונעם ציון קודש הקדשים. דאס איז דער פלאץ צווישן די הייליגע קדושים פון גזירות ת"ח ות"ט וואו דער רבי האט אויסגעקליבן צו ליגן, זאגנדיג: "דא איז גוט צו ליגן". דאס איז דער מקום המסוגל פאר ישועות, וואו דער רבי האט מבטיח געווען אז ער וועט פועל'ן פאר אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

אין די זעלבע צייט האבן זיך די פיזישע הכנות אין אומאן אויך געהויבן א שטאפל. ווער עס קומט נאר אריין אין אומאן אין די יעצטיגע טעג, מיינט אז ער געפינט זיך אין וויליאמסבורג אדער גאר אין ירושלים. עס טוט זיך שוין א גאנצע געפילדער; עס זענען שוין דא פילע וואס זענען שוין אנגעקומען אויף יום טוב, אבער רוב זענען די פילע איבערגעגעבענע עסקנים וואס גרייטן שוין צו די בנינים און אלע געברויכן, כדי די צענדליגער טויזנטער אידן זאלן האבן אלעס וואס זיי דארפן. מען גרייט שוין צו די צענדליגער ריזיגע בתי מדרשים, מען רוימט אלעס אויף, מען פאררעכט וואס עס פעלט זיך אויס, און מען גרייט שוין צו די מקוואות, און ווער רעדט נאך וואס טוט זיך אפ אין די קיכן, דארט טוט זיך א געדויש און א געפילדער; הונדערטער ארבעטער ארבעטן אין שיכטן, מען באקט, מען קאכט, און מען סארטירט, אז אנשי שלומינו זאלן האבן א שמחת יום טוב מיט בשר ודגים וכל מטעמים.

ביי אונז אין בנין איז גארנישט אנדערש; מ'זעט די הכנות אין יעדן ווינקל, די צימערן זענען שוין שיין מסודר און אויפגערוימט, און נעבן די קאך ליגן שוין די גאנצע הויפנעס מיט צוגעהער וואס מ'האט באשטעלט, געטראנקען, מעל, צוקער, אויל, פעיפער-גודס, און אזוי ווייטער. אזוי אויך שטייט שוין דער ריזיגער "אהל הרחבת הדעת" - דאס איז דער מאסיווער טענט וואס דינט אלס "עס-זאל" פאר די קנאפע וואך וואס מ'געפינט זיך בצל הקודש, אינעם חצר פונעם הייליגן רבי'ן אין שטאט אומאן.

איינע פון די זאכן וואס זענען געטון געווארן די וואך איז, אז עס איז אנגעקומען א גרויסער לאסט-אויטא אנגעפילט מיט קליינע שטיינדעלעך וואס מען האט אויסגעגאסן אינעם הויף פונעם בנין, כדי מען זאל נישט דארפן גיין אין די מאראסט אויב עס וועט רעגענען. כאטש מען האט שוין געלייגט שטיינער פאראיאר, האט מען יעצט געגאסן א פרישע שיכט, וויבאלד די פאראיעריגע שטיינער זענען שוין איינגעזאפט און אוועקגעוואשן געווארן במשך דעם יאר. די בית המדרש ווערט צוגעגרייט צו די תפלות, תקיעות, און דרשות, צו קענען אויסנוצן די הייליגע טעג פון ראש השנה ווי עס דארף צו זיין, צו אויסבעטן א זיס ליכטיג יאר פאר גאנץ כלל ישראל, עס זאל שוין זיין תכלה שנה וקללותי', געענדיגט די יאר מיט אלע פראבלעמען, תחל שנה וברכותי', מיר בעטן ביים אייבערשטן, א נייע זיסע יאר טו אונז געבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך צו זען קומענדיגע וואך ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן געזונטערהייט, און אויס'פועל'ן אלעס גוטס פאר זיך, פאר די גאנצע משפחה. און פאר גאנץ כלל ישראל.



## בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד

נָאכְן עֶנְדִיגְן זָאגְן 'סְלִיחוֹת', מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט, מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען גוּטֶע קַבָּלוֹת, דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל, אוּן דוּ זֶעסְט אַז דַיין חַבֶר הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט דִיר, דַיין קַאר אִיז פַארְשְׁטֶעלְט, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; וָואס גֵייט יֶעצְט גֶעשֶׁען? עֶר גֵייט כַאפְּן פוּן דִיר אַ בָּאקְס, דוּ גֵייסְט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים; אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז מִיט דִי סְלִיחוֹת...? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, עֶר זֶעט וִוי אַזוֹי דוּ פִּירְסְט זִיךְ צוּ אַנְדֶערֶע, אוּן פִּינְקְט וִוי אַזוֹי דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן – וֶועט מֶען זִיךְ פִּירְן מִיט דִיר. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ", וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ מֶעסְט אַ צְוֵוייטְן, "מוֹדְדִין לוֹ", מֶעסְט מֶען אִים.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, יֶעצְט בִּימֵי הַסְּלִיחוֹת וֶוען מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל רַחְמָנוּת מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע חֲרָטוֹת, אוּנְזֶער גֶעבֶּעט; לָאמִיר זִיךְ פִּירְן מִיט אַ צְוֵוייטְן מִיט רַחְמָנוּת, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דִיךְ גֶעשְׁטֶערְט בַּיים פָארְן מִיטְן קַאר, אָדֶער צוּגֶענוּמֶען דַיין פְּלַאץ וואוּ דוּ פַארְקִירְסְט דַיין קַאר וְכַדוֹמֶה – זָאלְסְטוּ נִישְׁט נְקָמָה נֶעמֶען, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, זָאג: "גַּם זוּ לְטוֹבָה", אוּן טְרַאכְט: פוּן הִימְל פְּרוּבִּירְט מֶען מִיךְ אוֹיס צוּ זֶען אוֹיבּ מַיין זָאגְן סְלִיחוֹת אִיז מִיט אַן אֱמֶת, פוּן הִימְל פִּירְט מֶען דִי אַלֶע זַאכְן מִיךְ אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן אוֹיבּ מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג: 'רַחֲמָנָא דְעָנֵי לִתְבִירֵי לִבָּא עֲנֵינָא', אִיז מִיט אַן אֱמֶת, לָאמִיר זֶען אוֹיבּ זַיין הַארְץ אִיז צֶעבְּרָאכְן..., 'רַחֲמָנָא דְעָנֵי לְמַכִּיכֵי רוּחָא עֲנֵינָא', לָאמִיר זֶען אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע אַ וֵוייכֶע הַארְץ, אִים צוּ הֶעלְפְן - 'הַשְׁתָּא בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב, וְנֹאמַר אָמֵן'.

(קוּנְטְרֵס סְלִיחוֹת)


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו וויליאמסבורג
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו וויליאמסבורג
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **הלל לעבאוויטש** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **קלמן ווייס** הי"ו וויליאמסבורג
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **יוסי ווייס** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יצחק לייב ראזענבערג** הי"ו וויליאמסבורג

## שטייט אויף צו סליחות

שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**